STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05375

FIR BARIMTE FROYEN

Rachel Kirsch Holtman

*Permanent preservation of this book was made possible
by Sol & Shirley Weisbrot
in memory of
the Weisbrot Family, Holocaust victims*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רחל האָלטמאַן

פיר באַרימטע פרויען

•

פראַנסיס ראַיט
עמאַ לאַזאַרוס
העריעט ביטשער סטאָו
מוטער דזשאָנס

קאָאָפּעראַטיווער
פאָלקס פאַרלאַג
פון אינטערנאַציאָנאַלן
אַרבעטער אָרדן
ניו יאָרק, 1938

Copyright by the
YIDDISH COOPERATIVE BOOK LEAGUE
of the International Workers Order

80 Fifth Avenue
New York, N. Y.

MAY, 1938

געדרוקט אין 5,000 עקזעמפלארן

פראַנסיס ראַיט

אַזוי ווי פיל אַנדערע ראַדיקאַלן אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט איז פראַנסיס ראַיט געווען אַ פּראָדוקט פון מיטל־קלאַס, די טאָכטער פון אַ רייכן געשעפטסמאַן. זי איז געבאָרן געוואָרן אין דונדי, סקאָטלאַנד, אין 1795. אין אירע קינדערשע יאָרן איז זי געווען, וואָס מען רופט, אַ „וואונדערקינד”. צו 20 יאָר האָט זי מיט איר אינטעליגענץ געוואונען די אויפמערקזאַמקייט און פריינטשאַפט פון פיל פילאָזאָפן, ראַדיקאַלן און פרייהייט־קעמפער, אַריינרעכנענדיק גענעראַל לאַפאַיעט.

אין אָנפאַנג פון 19טן יאָרהונדערט איז אַמעריקע געווען דאָס לאַנד, וואָס האָט אַ סך צוגעזאָגט. פון אַמעריקע, דער יונגער דעמאָקראַטיע, האָט מען דערוואַרט גרויסע זאַכן. אַמעריקע איז געווען דאָס לאַנד וואו פּאָליטישע און רעליגיעזע פאַרפאָלגטע האָבן געקאָנט געפינען אַ היים, אַ זיכערן האַפן. דעריבער זיינען פיל עקספּערימענטן איבערצו־בויען די וועלט געמאַכט געוואָרן אין אַמעריקע.

עס איז קיין וואונדער ניט וואָס פראַנסיס ראַיט האָט געצויגן צו אַמעריקע. דאָס ערשטע מאָל באַזוכט זי דאָס לאַנד אין עלטער פון 21 יאָר. הגם זי איז נאָך געווען אַזוי יונג, איז זי שוין באַקאַנט געווען אין אַמעריקע אַלס פרייהייטס־קעמפערין. אין ניו־יאָרק ווערט זי אויפ־גענומען מיט אָפענע אָרעמס. דעם זעלביקן יאָר פון איר קומען אַהער האָט זי פאַרענדיקט אַ טראַגעדיע אין פערזן, וואָס איז באַזירט אַפן קאַמף פון די שווייצער קעגן דער עסטרייכישער טיראַניי. מען האָט דאָס באַלד אויפגעפירט אין ניו־יאָרק מיט גרויס דערפאָלג. טאָמאַס דזשעפערסאָן האָט איר אפילו צוגעשיקט אַ בריוו פול מיט לויב.

אין אַמעריקע האָט זי מיט איר שוועסטער קאַמילאַ אונטערגענומען אַ רייזע איבער די דרום און צענטראַלע שטאַטן. זי האָט זיך אָבער אַנטזאָגט צו פאָרן אין דער סאַוט צוליב דער דאָרטיקער שקלאַפעריי. לאַנג איז אָבער פראַנסיס ראַיט ניט פאַרבליבן אין אַמעריקע, צוליב די גרויסע אומרוען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין ענגלאַנד. אַרבעטער האָבן דאָרט רעוואָלטירט. פראַנסיסן האָט זיך געוואָלט אַהיים, ווייל זי האָט געדענקט, אַז די רעוואָלוציע איז באַ דער טיר און זי וועט דאַרפן אַרויסהעלפן. עס איז אָבער געווען ווייט פון אַ רעוואָלוציע. די בורזשואַזיע האָט באַקומען די אויבערהאַנט אין דער סיטואַציע, און אונטערדריקט די אַרבעטער.

די קומענדיקע פיר יאָר פאַרברענגט פראַנסיס אין פראַנקרייך,

וואו זי שרייבט גענעראַל לאַפּאַיעטס ביאָגראַפיע. אַ פּאָרטרעט פון יענער צייט ווייזט ווי שיין, שלאַנק און אַנציִענדיק זי איז געווען.

אין 1824 קומט פראַנסיס נאָכאַמאָל קיין אַמעריקע. אין פאַרלויף פונעם יאָר זיינען פאָרגעקומען צוויי זאַכן, וועלכע האָבן שטאַרק באַאיינפלוסט דעם לעבנסלויף פון מיס ראַיט אין די קומענדיקע עטלעכע יאָר. זי האָט באַזוכט אַ ענס אוטאָפּיסטישע קאָלאָניע „האַרמאָניע", און זיך באַקאַנט מיט דער אַרבעט. זי איז אויך געפאָרן מיט לאַפּאַיעטס גרופּע קיין ווירדזשיניע, וואו זי איז געקומען צום ערשטן מאָל פּנים אל פּנים מיט דער שקלאַפישער סאַוט. דאָ האָט זי געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צוצוקוקן צו דער שקלאַפּן־סיסטעם אין איר גאַנצער שוידערלעכער ווירקלעכקייט. דאָ ווערט טאַקע געבאָרן בײַ פראַנסיסן דער פּלאַן צו באַפרייען די נעגערס.

דער פּלאַן איז געווען אַ קאָמבינאַציע פון אוטאָפּיסטישן אידעאַליזם מיט עמאַנסיפּאַציע. איר פּלאַן האָט געדאַרפט געבן אַ שמערצלאָזע היילונג דעם נאַציאָנאַלן ראַק—שקלאַפעריי. זי וויל באַפרייען די נעגערס דורך איינאָרדענען זיי אין קאָלאָניעס. אָף אַ ריין אוטאָפּיסטישן שטייגער האָט דער פּראָצעס געדאַרפט פאָרקומען, דורך שתדלנות בײַ די שקלאַפּן־אייגנטימער און דורך אויפקלערונג. די מער ליבעראַלע שקלאַפּן־אייגנטימער האָבן פאַרשפּראָכן זייער שטיצע, אַריינגערעכנט אַזעלכע פאַרהאַרטעוועטע פּאָליטיקער, ווי מעדיסאָן, דזשעפערסאָן און מאָנראָ.

דער פּלאַן שטופנוויז אָפּצושאַפן שקלאַפעריי אין אַמעריקע האָט געדאַרפט דורכגעפירט ווערן אָן וועלכן ניט איז פאַרלוסט פאַר די שקלאַפּן־אייגנטימער פון דער סאַוט. אין אַ פּאַמפלעט, וואָס איז דערשינען אין באַלטימאָר אין יאָר 1825 ווערט אַרויסגעבראַכט דער געדאַנק צו שאַפן קליינע געמיינדעס, פאַרוואַלטעט פון ווייסע און שוואַרצע צוזאַמען, אַפן שטייגער ווי עס ווערט פאַרוואַלטעט די אוטאָפּיסטישע קאָלאָניע „ניי־האַרמאָניע". מען האָט געדאַרפט אָפּקויפן פון 50 ביז 100 שקלאַפּן און לאָזן זיי דורכפירן אַרבעט אין די געשאַפענע קאָלאָניעס אָף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. אַ העלפט פון זייער אַרבעט האָט געדאַרפט גיין אָף צו באַצאָלן דעם חוב פאַר זייער אויסקויף. די צווייטע העלפט — אָף אויסצוהאַלטן די נויטיקע לעבנסמיטלען. דערביי איז אויסגערעכנט געוואָרן, אַז אָף אַזאַ אופן וועלן זיך די שקלאַפּן באַפרייען אין פאַרלויף פון 5 יאָר צייט. אין דער זעלביקער צייט וועלן זיי צוגעגרייט ווערן זיך צו האַלטן ווי גלייכע מענטשן, זיך אַליין אויסהאַלטן און פאַרלאָזן זיך אָף די אייגענע כוחות. די אַלע אייגנשאַפטן האָבן זיי געדאַרפט דערגרייכן דורך אַלגעמיינע שולן, אָן אונטערשייד צווישן שוואַרצע און ווייסע שילער. די גאַנצע אונטערנעמונג האָט געדאַרפט קאָסטן 41,000 דאָלאַר און האָט געדאַרפט ברענגען 10 טויזנט דאָלאַר

פראַנסיס ראַיט

אַ יאָר פּראָפּיט. דער פּאַרנעם איז געווען אַ גרויסער, אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָט פּאַסירט אָט וואָס:

דרייצן מייל פון מעמפיס, טענעסי, האָט מען געקויפט אַ שטח לאַנד פון 2000 אַקער. מ'האָט אָפּגעקויפט פון די פּלאַנטאַטאָרס ניט מער ווי 5 שקלאַפן און מען האָט אָנגעפאַנגען די „באַפרייאונג". פון סאַוט־קאַראָליינע האָבן אַ פּאָר ליבעראַלע פּלאַנטאַטאָרס אַריינגעשיקט אַ פאַ־מיליע פון נאָך עטלעכע שקלאַפן, אַזוי, אַז ענדלעך האָט די צאָל דער־גרייכט ביז 30. אָט אַזוי איז געשאַפן געוואָרן די קאָלאָניע נאַשאָבאַ.

פּאָר אַ שטיקל צייט איז אַלץ געגאַנגען גלאַט. פראַנסיס, איר שוועסטער, און נאָך עטלעכע ווייסע, האָבן זיך געפונען צוזאַמען מיט די געוועזענע שקלאַפן. פראַנסיס און די איבעריקע ווייסע האָבן גע־מוזט זייער שווער אַרבעטן אויסצוקאָרטשעווען וואַלד, כדי צו מאַכן דאָס פּאָר פּאַרזיי־לאַנד; זיי האָבן אויך גענדאַרפט מאַכן צוימען, זייען קאָרן א. אַז. וו. פראַנסיס, אָדער ווי מען האָט איר שוין איצט גערופן דאָ „פּעני", האָט זיך אַזוי אָנגעשטרענגט (ווייל זי איז ניט געווען געוואוינט צו שווערער פעלד און הויז־אַרבעט), אַז זי איז געוואָרן געפערלעך קראַנק. אין זומער 1827 האָבן דאָקטוירים איר פאַראָרדנט צו פאַרלאָזן די קאָלאָניע און זיך באַזעצן אין אַ קעלטערן קלימאַט. איידער זי האָט פאַרלאָזן נאַשאָבאַ האָט זי אָפּגעשריבן „אַלץ וואָס זי האָט פאַרמאָגט צו גונסטן דער נעגערשער ראַסע". אַליין איז זי אַוועק קיין פראַנקרייך, וואו זי האָט זיך אָפּגעשטעלט באַ גענעראַל לאַפאַיעט צו דערהאָלן זיך.

ווען פראַנסיס האָט זיך מיט אַ יאָר שפּעטער צוריקגעקערט קיין נאַשאָבאַ, איז זי געוואָרן פאַרצווייפלט פון דער טרויעריקער לאַגע אין דער קאָלאָניע. זי האָט גענומען איינזען, אַז איר פּלאַן איז אַן אוטאָפּיע, און זי האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די קאָאָפּעראַטיווע און באַפרייאונגס־אונטערנעמונג. זי איז אויך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז זי און אירע פריינט זיינען ניט צוגעפּאַסט צו שווערער פּיאָנערן־אַרבעט. זי האָט פאַרלאָרן דעם גלויבן צו באַפרייען די נעגערס אין אַמעריקע דורך איינצלנע עקספּערימענטן.

באַלד אָבער כאַפּט זי זיך פאַר דעם פּלאַן צו בילדן די נעגערשע יוגנט, אַסימילירן זי מיט דער ווייסער ראַסע און אַזוי אַרום ענדלעך צו באַפרייען די נעגערס. דער געדאַנק פון בילדונג איז נאָך געווען דערלאָזבאַר, אָבער פאַרמישן די שוואַרצע און ווייסע ראַסע — דאָס האָבן די דרומדיקע, אַזוי גוט ווי די צפונדיקע אַמעריקאַנער ניט גע־קאָנט דערלאָזן. מען האָט זי אין געוויסע קרייזן אָנגעהויבן צו האַסן. מענטשן האָבן זיך אָנטזאָגט מיט איר צו ריידן, מיט איר צו טרעפן זיך. זי האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן אַ געוויסע צייט אַרויסצוטרעטן אַף

עפנטלעכע מיטינגען. זי איז דעמאָלט אַלט געווען 32 יאָר. זיך אינ־גאַנצן אָפּזאָגן פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט איז פאַר איר, דער קעמפערין, דער אידעאַליסטין, געווען אַן אוממעגלעכע זאַך. זי נעמט דאַן אָן אַן איינלאַדונג פון ראָבערט אָוענס זון, דעל אָוען, צו קומען קיין „ניו־האַרמאָני" העלפן אַרויסגעבן די צייטונג „גאַזעט".

די קאָלאָניע נאַשאָבאַ האָט נאָך עקזיסטירט 18 מאָנאַטן. אָבער אָנהאַלטן זי ווייטער איז געווען אַן אוממעגלעכע זאַך. מען האָט גע־דאַרפט טאָן עפּעס מיט די נעגערס, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. פראַנסיס ראַיט באַשליסט זיי צו קאָלאָניזירן אין אַזאַ לאַנד, וואו זיי זאָלן זיך קאָנען באַוועגן ווי פרייע מענטשן און זיין זייערע אייגענע באַלעבאַטים. כאָטש זי איז געווען צו יענער צייט זייער פאַרנומען מיט שרייבן און אַרויסגעבן די צייטונג, לאָזט זי אָבער די 30 נעגערס ניט איבער אַף הפקר. אין יאַנואַר 1830 נעמט זי אורלויב און פאָרט מיט די געוועזענע שקלאַפן זיי באַזעצן אַף לאַנד אין וועסט אינדיע אַפן אינדזל האַיטי. פריער, איידער זי איז אָנגעקומען, האָט זי אַראַנזשירט מיט דער דאָרטיקער רעגירונג, אַז מען זאָל זיי באַהאַנדלען ווי פרייע בירגער. זי באַזאָרגט זיי אויך מיט מאַשינען, געצייג, קליידער און הייזער, עס זאָל זיי קיין זאַך ניט פעלן.

דאָס איז געווען דער ערשטער פאַרזוך צו באַפרייען די נעגערס אין אַמעריקע. ניט געקוקט אַף איר רעוואָלוציאָנערער און הומאַניסטי־שער פּראָגראַם איז אָבער פראַנסיס ראַיט געווען אַ טרוימער. זי איז ניט געווען די פּערזאָן, וואָס האָט זיך געקאָנט קאָנצענטרירן אַף איין זאַך. דערצו האָט זי זיך אַרומגערינגלט מיט אַ סך גוט־מיינענדיקע אָבער אומפּראַקטישע פּערזאָנען, וועלכע האָבן געהאַט פאַרשיידענע באַגריפן און פאַנטאַזיעס צו רעפאָרמירן די וועלט — פאַנטאַזיעס, וואָס זיינען געווען שווער דורכצופירן אין לעבן.

מיטן אויפגעבן נאַשאָבאַ האָבן זיך נאָך ניט געענדיקט פראַנסיס ראַיטס רעוואָלוציאָנערע פּלענער. זי איז געווען איינע פון די ראַדיקאַל־סטע פרויען פון איר צייט. איצט, ווען זי האָט זיך באַפרייט פון דער נעגערשער קאָלאָניע, האָט זי זיך געקאָנט אָפּגעבן מיט רעוואָלוציאָ־נערער טעטיקייט אַף פיל אַנדערע פראָנטן. זי איז געווען אַן אָנהענגערין פון די פריידענקער, פון בילדונגס־רעפאָרמען און דערהויפּט פון פרויען־רעכט. זי האָט געפּריידיקט ניט נאָר שטים־רעכט פאַר פרויען, נאָר אפילו געבורט־קאָנטראָל. דאָס איז געווען אַ געוואַלטיקע געוואַגטקייט פאַר יענער צייט, מיט איבער אַ הונדערט יאָר צוריק.

אַרבעטנדיק אַלס רעדאַקטאָר פון „גאַזעט", האָט זי אויך אַנטדעקט, אַז זי איז אַן ערשטקלאַסיקע רעדנערין. עס איז פאַר איר אַראַנזשירט

געוואָרן אַ רעדנער־טור פון ניו־ענגלאַנד ביז ניו־אָרלינס, וועלכער איז געווען זייער דערפאָלגרייך.

אין יענער צייט האָבן זיך אין די גרויסע שטעט גענומען אַנטוויקלען געזעלשאַפטן פון פריידענקער, אויך געזעלשאַפטן פון פרייער פאָרשונג. די מיטינגען פון די אַלע גרופּעס פלעגן צוציען אַן אַנטוזיאַסטישן, גרויסן עולם. דאָס לאַנד האָט דורכגעמאַכט גרויסע ענדערונגען, האַנטווערקעריי מיט אירע סאָלידע אינסטיטוציעס האָט גענומען פאַרביטן ווערן אַף אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. רעליגיעזע באַגריפן — אַף פריידענקעריי.

עס זיינען אַרויפגעשוואומען אַזעלכע נייע גייסטיקע באַגריפן ווי „שכל", „פּראָגרעס", „אויפקלערונג" און „וויסנשאַפט". בעת די אינדוסטריעלע עראַ איז אַריין אין פולן שוואונג האָבן די פריידענקער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע.

פראַנסיס ראַיט האָט גענומען פּראָפּאַגאַנדירן פריידענקעריי מיט איר גאַנצן ברען און ענערגיע. זי איז באַלד געוואָרן די בעסטע רעדנערין פון די ניט־גלויביקע. סינסינעטי איז דעמאָלט געווען דער צענטער פון אַזעלכע גרופּן. דאָ האָט פראַנסיס געמאַכט איר ערשטע אַטאַקע אַף גאָט. די קאָנסערוואַטיווע פּרעסע, און סתם רעאַקציאָנערן, האָבן איר אַזאַ זאַך ניט געקאָנט פאַרגעבן. זיי האָבן איר פאַרשריען פאַר אַן אפּיקורס, אַזאַ וואָס גיט זיך אָפּ מיט פרייער ליבע און נאָך אַ סך אַנדערע זינד. ניט געקוקט אָבער אַף די אַלע באַשולדיקונגען זיינען אירע לעקציעס געווען העכסט דערפאָלגרייך.

פראַנסיס איז נאָך אַ לענגערער קראַנקהייט געשטאָרבן אין עלטער פון 57 יאָר אין סינסינעטי, אין דער זעלביקער שטאָט, וואו זי האָט מיט אַזאַ פאַרביסנקייט געקעמפט קעגן אָבערגלויבן, פינצטערניש און אונטערדריקונג.

פראַנסיס ראַיט איז געווען פיל פאָרגעשריטענער פאַר איר צייט. זי איז געווען איינע פון די, וואָס האָט זייער פרי פאַרשטאַנען, אַז די געזעלשאַפט באַשטייט ניט פון איין גרופּע מענטשן, נאָר אַז זי איז געבויט אַף קלאַסן, וועמעס אינטערעסן זיינען פאַרשיידנאַרטיק. צוליב דעם קומען אַרויס שטענדיקע קאָנפליקטן און רייבונגען, ביז עס ברעכט ענדלעך אויס אַן אָפענער אויפשטאַנד. זי האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז בלויז דורך אומאָפּהענגיקע זעלבסטשטענדיקע האַנדלונגען אין פּאָליטיק און אין געזעלשאַפטלעכע ענינים, וועט דער אַרבעטער זיך קאָנען ענדלעך באַפרייען פון זיין שקלאַפעריי.

עמאַ לאַזאַרוס

די צאָל אידן אין אַמעריקע איז אינמיטן פון 19טן יאָרהונדערט נאָך געווען אַ פאַרהעלטניסמעסיק קליינע, דאָך זיינען שוין דעמאָלט אַרויסגעקומען פון זייערע רייען פרויען, מיט וועלכע די אַמעריקאַנער אידן קאָנען שטאָלצירן. איינע פון זיי איז די דיכטערין עמאַ לאַזאַרוס, אַ באַדייטנדיקע פיגור אויך אין דער ענגלישער און אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

עמאַ לאַזאַרוס איז געבאָרן געוואָרן אין יולי 1849, אין ניו־יאָרק, די טאָכטער פון משה און אסתר לאַזאַרוס. איר דערציאונג איז געווען אַ פריוואַטע, ווייל עמאַס עלטערן האָבן ניט געוואָלט שיקן דאָס מיידל אין אַן עפנטלעכער שול. זייער פרי האָט עמאַ אַרויסגעוויזן אַ פּאָעטישן געשמאַק און טאַלאַנט באַהערשט פון אַ רייכער פאַנטאַזיע אין באַגאַבט מיט אַ דיכטערישער שפּראַך.

ווען דער אַמעריקאַנער בירגער־קריג האָט אויסגעבראָכן איז עמאַ געוואָרן אַזוי אינספּירירט פון דעם געדאַנק פון באַפרייען די שקלאַפן, אַז זי האָט געווידמעט אַ סך לידער דעם באַפרייאונגס־קאַמף. זיי זיינען געווען אַזוי עכט, אַז מ'האָט זיי באַלד אַנערקענט אַלס אַ וויכטיקן ביי־טראָג צו דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. צווישן די, וואָס האָבן די לידער שטאַרק געליבט, איז געווען ווי ל י אַ ם ק אַ ל ע ן ב ר אַ נ ט, דער אַמעריקאַנער פּאָעט.

עמאַ לאַזאַרוס איז געווען זייער אַ באַשיידענער מענטש. זי האָט געפירט אַ צוריקגעצויגענעם לעבן. אין 1871 האָט זי פאַרעפנטלעכט אַ פּאָעמע „אַדמיטערס" און אַנדערע. אָט די ערשטע פּאָעמע איז געווען געווידמעט „מיין פריינט ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן", אַ באַרימטער דיכטער, הומאַניסט און פילאָזאָף. פון דער פּאָעמע קאָן מען זען, וואָס פאַר אַ גרויסן איינפלוס עמערסאָן האָט געהאַט אויף דעם גייסטיקן וואוקס פון דער דיכטערין. אייניקע יאָר צייט האָט זי מיט אים אָנגעפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ.

אין 1874 האָט זי פאַרעפנטלעכט דעם ראָמאַן אין פּראָזע „אַלידע", באַזירט אויף געטעס אויטאָביאָגראַפיע. זי באַהאַנדלט דעם עפּיזאָד פון געטעס לעבן פאַר דער צייט וואָס ער איז געווען באַקאַנט מיט פרעדעריקא בריאָן. פאַר דער זאַך האָט זי דערהאַלטן אַ בריוו פון טורגעניעוון, וואו ער דריקט אויס צו איר זיין באַוואונדערונג.

צוויי יאָר שפּעטער באַזוכט זי קאָנקאָרד, דעמאָלט דער גייסטיקער צענטער פון אַמעריקע, וואו עס האָבן געוואוינט עמערסאָן, טהאָראָ און

אַ ריי אַנדערע שרייבער. זי באַקאַנט זיך מיטן קרייז פון עמערסאָנס פריינט, און ווערט זייער וואַרעם אויפגענומען פון זיי. צו יענער צייט פאַרעפנטלעכט זי „ספּאַגנאַליטאַ", אַ דראַמע, ווי אויך פּאָעמעס און באַלאַדן פון היינריך היינע, איבערזעצט אין ענגליש. דערצו שרייבט זי די ביאָגראַפיע פון היינען. די איבערזעצונג פון היינעס לידער ווערט באַטראַכט פאַר דער בעסטער אין ענגליש.

אינעם יאָר 1882 שרייבט זי אַן אַרטיקל אין דער „סענטשורי" „צי איז גראַף ביקאָנספילד געווען אַ טיפּישער איד (וואָז די אוירל אָוו ביקאָנספילד איי רעפּרעזענטאַטיוו דזשו) און זי ענטפערט, יאָ, ער איז געווען. דער אַרטיקל איז געווען דער ווענדפּונקט פון דער דיכטערין. דערמיט האָט זי פאַרענדיקט דעם גריכישן פּעריאָד פון אירע שאַפונגען. ביז יענער צייט זיינען אירע טעמעס גענומען געוואָרן בלויז פון קלאַסישע און ראָמאַנטישע קוואַלן.

וואָס האָט עמאַן באַוואוגן אַוועקצוגיין פון יענע קוואַלן און ווערן אַ פּאָעט פון איר פאָלק? וואָס האָט זי אַנגערירט אין די טיפסטע טי־פענישן? וואָס האָט איר אַזוי אויפגעטרייסלט? דער טראַגישער גורל פון די אידן — די אידישע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד פון 2־1881. די פּאָגראָמען האָבן געגעבן אַ נייע ווענדונג אירע געפילן, איר שאַפונגס־גייסט. די אידישע פּאָגראָמען זיינען געווען ווי אַ רוף צו איר. ביז דאַן איז איר צוגעבונדנקייט צו אידן געווען ווייניק וואָס צו מערקן אין איר. זי איז געווען ווייט פון דעם. אמת, זי האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער ספּאַרדיש־אידישער פאַמיליע, אָבער זי האָט זיך קיינמאָל ניט אינטערעסירט מיט איר אָפּשטאַם און מיט איר פאָלק. איצט אָבער האָט זי די זאַך פון איר פאָלק גענומען שטאַרק צום האַרצן, אַזוי, אַז זי האָט מער פון קיין אַנדער זאַך ניט געקאַנט שרייבן ווי נאָר פון דעם. דאָס איז געוואָרן פאַר איר די גרויסע טעמע. זי האָט גערופן דאָס אידישע פאָלק צו העראָאישע האַנדלונגען און צו אייניקייט — אייניקייט צו דערפילן אַ גרויסע מיסיע פאַר דער מענטשהייט.

די באַרירונג מיט די אומגליקלעכע קרבנות פון רוסלאַנד האָט געפירט דערצו, אַז זי זאָל אַנהויבן לערנען העברייאיש און אידישע גע־שיכטע. אין פיר חדשים צייט האָט זי די שפּראַך דערלערנט אַזוי גוט, אַז זי האָט געקאָנט לייענען אין אָריגינאַל העברייאישע ווערק.

דער עלעמענט מענטשן וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד איז מערסטנס געווען אַ לופט־מענטש, וואָס האָט ניט געהאַט קיין מלאכה אין האַנט. אין פאַרלויף פון ווינטער 1882 זיינען פון רוסלאַנד אַנגעקומען אידן קיין אַמעריקע אין די טויזנטער. עס איז געווען נויטיק פאַר זיי עפּעס צו טאָן. דער דיכטערינס פּלאַן איז געווען צו לערנען די אַנגעקומענע אַ מלאכה, אַ פאַך. זי האָט פאַרעפנטלעכט אייניקע

עמאַ לאַזאַרוס

אַרטיקלען אין „אַמעריקען היברו”, אַנווייזנדיק, אַז פּאַר זיי איז וויכ־טיק אַ סיסטעמאַטישע טעכנישע אויסבילדונג. דאָס איז טאַקע שפּעטער דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן. די ליטעראַרישע פּרוכט און דאָס איינלעבן זיך אין אַ נייער גייסטיקער וועלט דריקט עמאַ אויס אין די פּאָעמען: „עס קרייט דער רויטער האָן” און „די אידישע פאָן”. אַט אַזוי האָט די דיכטערין געוועקט דעם אידישן באַוואוסטזיין און גע־האָלפן שאַפן די אידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען.

זי האָט געשריבן נאָך אַ דראַמע, וועלכע רופט זיך דער „טויטן־טאַנץ”. די סצענעס זיינען גענומען פון דער געשיכטע פון די אידן אין דייטשלאַנד אין 14טן יאָרהונדערט. עס איז באַזירט אָף אַ באַשול־דיקונג, אַז אידן האָבן אין נאָרטהויזען פאַרסמט די קוואַלן, צוליב וואָס עס האָט זיך פאַרשפּרייט די מגפה — „שוואַרצער טויט”. דער „טויטן־טאַנץ” איז איינגעשלאָסן אין „געזאַנג פון אַ סעמיט”, פּאָעמען, וועלכע זיינען געווידמעט דער באַרימטער ענגלישער שריפטשטעלערין דזשאָרדזש עליאָט.

דורך דער צייט פון 1882—1887 האָט זי איבערגעזעצט די אידישע פּאָעטן פון מיטלאַלטערלעכער שפּאַניע, מיט דער הילף פון דער אויס־גאַבע פון מיכל זאַקס און אברהם גייגער. זי האָט אויך געשריבן אַר־טיקלען אונטער איר נאָמען און אונטער באַהאַלטענע נעמען אָף אידישע טעמעס, פאַר דער אידישער פּרעסע. חוץ דעם האָט זי געשריבן עסייען איבער הענרי וואַדסוואָירט לאָנגפעלאָו, רענאַן און די אידן, פאַר דער אידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט. זי האָט אויך ניט אויפגעגעבן אירע ריין ליטעראַרישע און קריטישע אַרבעטן אין זשורנאַלן, ווי, למשל, טאָמאַסאָ סאַלוויני, קעניג ליר, וויליאַם מאָריס און פיל אַנדערע. דערביי האָט זי ניט פאַרגעסן די טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען פון די אידן אין אַמעריקע און געשריבן אַ סעריע אַרטיקלען אויך וועגן דעם.

אין 1885 באַזוכט זי אייראָפּע. דאָרט קומט זי אין קאָנטאַקט מיט פּראָמינענטע אידן און ליבעראַלן. די לעצטע צוויי יאָר פון איר לעבן גיט זי אָפּ פאַר דער אידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. אין 1887, אַ קורצע צייט פאַר איר טויט, גיט זי אַרויס „באַ די טייערן פון בבל” — אַ סעריע פּאָעמען אין פּראָזע, אָנגעלאָדן מיט פּראָפעטישן פייער. זי איז געשטאָרבן דעם 19טן נאָוועמבער פון זעלביקן יאָר.

אירער אַ סאָנעט איז אויסגעקריצט צו איר אָנדענק אָף אַ מע־מאָריאַל־ברעטל, אָף דער קאָלאָסאַלער פרייהייט־סטאַטוע („סטעטשו אָוו ליבערטי”) אין ניו־יאָרקער האַפן.

„ניט ווי דער באַרימטער, חוצפּהדיקער גריכישער גיגאַנט
מיט די צווינגענדיקע פיס צעשפּרייט פון לאַנד צו לאַנד,

דאָ באַ אונדזערע זונפאַרגאַנג־טויערן, באַוואַשן פון ים
זאָל שטיין די פרוי די מעכטיקע מיטן פאַקל, וועמענס פלאַם
ס'איז דער פאַרשפאַרטער בליץ, און ס'וועט איר נאָמען זיין באַקאַנט
ווי די מאַמע פון פאַרוואָגלטע, פון איר לייכטנדיקער האַנט
צעשטראַלט זיך איבער ברייטער וועלט ווילקאָמען: און ס'באַפעלן
אירע אויגן מילד
דעם פאָרט אונטערן הענג־בריק פון צווילינג־שטעט אַן איינגעראַמטן
ווי אַ בילד:
„האַלט זיך, פאַרצייטיקע לענדער, מיט אייער אויפגעבלאָזענער
פּאָמפּאַדע!״
פּראָקלאַמירט זי מיט שוויגנדיקע ליפּן: אייערע אָרעמע, די מידע,
גיט זיי מיר,
אייערע צונויפגעדריקטע מאַסן, וואָס לעכצן נאָך אַ פרייען אָטעם,
דעם אומגליקלעכן אָפּפאַל פון אייערע פרוכטבאַרע ברעגן,
שיקט זיי, די היימלאָזע, פון שטורעם געשליידערטע, צו מיר,
איך הויב־אויף מיין לאָמפּ איבער דער גאָלדענער טיר.״

צוויי יאָר נאָך איר טויט זיינען דערשינען אירע פּאָעמען אין באָס־טאָן, וועלכע באַשטייען פון די פּאָעטישע אַרבעטן, וואָס זיינען פריער געדרוקט געוואָרן און אויך פון די וואָס זיינען נאָך פריער ניט פאַר־עפנטלעכט געוואָרן.

עמאַ לאַזארוס איז אָן צווייפל די אָנגעזעענסטע ליטעראַרישע פי־גור, וואָס די אַמעריקאַנער אידן האָבן אַרויסגעגעבן. זי איז אפשר די באַדייטנדיקסטע דיכטערין צווישן אידן זינט היינע און יהודה לייב גאָר־דאָן. פון אירע איבערגעזעצטע פּאָעמען פון די מיטלאַלטערלעכע פּאָעטן, יהודה הלוי, איבן־גבירול און משה איבן עזרא זיינען אייניקע אַריינ־גענומען געוואָרן אין די אידישע תפילות.

העריעט ביטשער סטאָו

העריעט ביטשער איז געווען אַ טרוימעריןּ. פון קינדהייט אָן האָט זי ליב געהאַט זיך אַרומצורינגלען מיט קעץ און הינט און פאַרברענגען שטונדן־לאַנג אין גאָרטן צווישן בלומען און בוימער, בערג און פעל־דער; זומער און ווינטער פלעגט זי אַרומלויפן פראַנק און פריי. „איך בין איבערהויפט דערצויגן געוואָרן אַף דער פרייער נאַטור", האָט זי אַמאָל געזאָגט וועגן זיך.

העריעט איז געקומען פון אַן אָנגעזעענער פאַמיליע. איר שטאַרקן כאַראַקטער האָט זי געירשנט פוןביידן — פון פאָטער, אַזוי גוט ווי פון דער מוטער. זי איז געבאָרן געוואָרן אין 1811 אין קאָנעטיקוט סטייט. איר פאָטער איז געווען אַ גלח. די ערשטע יאָרן פון איר לעבן האָט זי שוין געמאַכט איר באַקאַנטשאַפט מיט ביכער. זי האָט זיך פרי אויסגעלערנט לייענען. איר דורשט נאָך וויסן האָט זיך קיינמאָל ניט געשטילט. דעם פאָטערס ביבליאָטעק איז מערסטנס באַשטאַנען פון טעאָלאָגישע ביכער. אָבער איינמאָל האָט זי געפונען דאָס בוך „די אַראַבישע נעכט", וואָס האָט פאַר איר געעפנט אַ נייע וועלט.

זי האָט געהאַט אַ געוואַלטיקן זיכרון און געדענקט אַלע ביכער, וועלכע זי האָט געלייענט. אין דער צייט ווען איר פאָטער פלעגט ריידן מיט מענטשן, אָדער בלעטערן זיינע טעאָלאָגישע ספרים, פלעגט העריעט זיך פאַררוקן ערגעץ אַפן בוידעם, אָדער אין אַ ווינקל און לייענען, לייענען אָן אַן עגד.

ביז 11 יאָר איז העריעט געגאַנגען אין שול פאַר מיידלעך, אין ליטשפילד (קאָנעטיקוט) אַקאַדעמיע. זי איז געווען די איינציקע אין שול, וועלכע האָט ניט קיין מורא געהאַט צו שרייבן קאָמפּאָזיציעס. פאַר־קערט, זי פלעגט גאָר הנאה האָבן דערפון. אירע בריוו פון יענער צייט ווייזן ווי די קאָמפּאָזיציעס האָבן זי סטימולירט און געבראַכט איר פרייד. ווען זי איז געווען מיד און האָט זיך געוואָלט אָפּרוען, פלעגט זי זיך נע־מען צום שרייבן. די טעמעס זיינען געווען פון ניו־ענגלאַנדער לעבן — זי האָט געשריבן וועגן דעם טיפּישן קליינבירגער — וועגן פּאָסט־אָפיס, אַפּטייקער, דאָס דאָרפס־לעבן, די אַלטע לייט, זייערע מלאכות א. אַז. וו. אמת, די סטרוקטור פון אירע דערציילונגען זיינען נאָך צו יענער צייט געווען אַמאַטאָריש, די שפּראַך אָבער איז שוין געווען פליסיק. פאַר איר ערשטער דערציילונג אין „וועסטערן מעגעזין" האָט העריעט באַ־קומען אַ פרייז פון 50 דאָלאַר.

אין 1836 האָט העריעט חתונה געהאַט מיטן פּראָפעסאָר קאַלווין

סטאָו. כאָטש ער איז געווען אַ שפּראַכן־קענער (ער האָט געקאָנט גריכיש, לאַטיין, העברייאיש און אַראַביש) איז ער אָבער געווען אַן אָרעמאַן. כדי צו פאַרלייכטערן דעם שווערן עקאָנאָמישן לעבן האָט ביטשער סטאָו אַריינגענומען באָרדערס. חוץ דעם איז זי נאָך געווען די מוטער פון זעקס קליינע קינדער, וועלכע זי האָט אַליין דערצויגן.

איר הויז אין אָהייאָ איז באַלד געוואָרן דער צענטער פון דער אַנטי־שקלאַפן באַוועגונג אין דער וועסט. ניט געקוקט אויף דער גרויסער אַרבעט אַרום די קינדער, און די זאָרג פאַר דער באַלעבאַטישקייט, האָט מרס. סטאָו געפונען צייט צו שרייבן. בכלל האָט איר מאַן איר שטענדיק דערמוטיקט צום שרייבן. אין 1842 שרייבט ער צו איר: „מיין טייערע, דו מוזט ווערן אַ ליטעראַט. דאָס איז באַשטימט אַזש פון „אויבן". מאַך דעריבער די נויטיקע צוגרייטונגען, פאַרזאָרג זיך מיט אַ גוטן געזונט און פריש אויף דיין גייסט." אָט אַזוי האָט מרס. סטאָו זיך צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז זי מוז דערפילן אַ מיסיע אין לעבן און זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס איז נאָך ביז איצט ניט געזאָגט געוואָרן. דאָס איז געווען אַ גוטער אָנרעג פאַר איר צו שרייבן דאָס וועלט־באַרימטע בוך „אַנקל טאָמס קעבין".

כדי צו האָבן אַ בעסערן באַגריף, וואָס עס טוט זיך בײַ די דרומדיקע פּלאַנטאַטאָרס, האָט זי געמאַכט אַ רייזע אין דער סאַוט, וואו זי האָט געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צוצוקוקן צו שקלאַפעריי, צו זען דעם פאַרפאָלגטן שקלאַף, די צעשיידטע נעגערשע פאַמיליע, בײַ וועמען מ'פלעגט האַרצלאָז אַוועקרייסן און פאַרקויפן אַ קינד, אַ פאָטער אָדער אַ מוטער. די דאָזיקע סצענעס האָבן זי אַזוי פאַרפאָלגט, אַז דאָס איז געוואָרן די הויפּט־טעמע פון איר בוך.

אין 1850 האָט דער קאָנגרעס דורכגעפירט דעם „פיודזשיטיוו סלייוו עקט", לויט וועלכן מען האָט פאַרפליכטעט אפילו די פרייע שטאַטן, אַז זיי זאָלן העלפן כאַפּן די אַנטלאָפענע שקלאַפן, און זיי צוריקברענגען צום אייגנטימער. די צפון־שטאַטן האָבן געדאַרפט העלפן אויסשפּיאָנירן אַנטלאָפענע און זיי אומקערן צו די שקלאַפן־האַלטער אין דער סאַוט. די פאַרפאָלגטע נעגערס פלעגן לויפן ווי די פאַרסמטע, פון איין שטאַט אין אַ צווייטן, זיך צו ראַטעווען. די אומגליקלעכע שוואַרצע האָבן זעלטן געהאַט אימיצן, וואָס זאָל זיך פאַר זיי אָננעמען.

צו יענער צייט שרייבט עדוואַרד ביטשער, איר ברודער, צו הערייעטן: „ווען איך וואָלט געקאָנט זיך באַנוצן מיט דער פעדער אַזוי ווי דו, וואָלט איך אָנגעשריבן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אויפטרייסלען גאַנץ אַמעריקע. מענטשן וואָלטן דערפילט, וואָס פאַר אַ קללה שקלאַפעריי איז."

לייענענדיק דעם בריוו צו איר מאַן און קינדער, האָט זי זיך אָפּ־

העריעט ביטשער סטאָו

געשטעלט אַף דעם זאַץ און האָט מיט אויפרעגונג באַמערקט: „איך וועל שוין שרייבן".

זי איז דעמאָלט שוין אַלט געווען 40 יאָר. איר געזונט איז געווען שוואַך, אַרבעט האָט זי געהאַט איבערן קאָפּ. דערצו איז זי געווען זייער אַן איבערגעגעבענע מוטער, מיט קליינע קינדער. איינס איז נאָך געווען אַ פּיצל קינד. זי האָט נאָך געהאַלטן באַרדערס, כדי צו זיין אימשטאַנד בייצושטייערן עפּעס צו דעם מאַנס קליינע פאַרדינסטן. עס האָט זיך געדוכט, אַז זי וועט קיינמאָל זיך ניט קענען אַרויסרייסן פון אירע טעגלעכע פליכטן. איר האַרץ האָט אָבער געבלוטיקט פאַר די פאַרפאַלגטע שקלאַפן.

איינמאָל, אין אַ זונטיק, האָט זיך זיך פאַרשלאָסן אין אַ צימער און זיך געזעצט שרייבן. ווען די ערשטע קאַפּיטלען זיינען פאַרטיק געווארן, האָט זי דאָס אַוועקגעשיקט אין אַ צייטונג קיין וואַשינגטאָן. דאָס איז באַלד אָנגענומען געוואָרן און זיי האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען וועכנטלעך. יעדע וואָך פלעגט זי שיקן אַ פאָרזעצונג. אַזוי ווי זי איז געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, פלעגט זי דאָס געשריבענע אפילו ניט איבערלייענען, און אָן פונקטואַציעס גלייך אַוועקשיקן צום דרוק.

זי האָט זיך אַזוי איינגעלעבט אין איר דערציילונג, אַז זי האָט זיך מיט דעם אַרומגעטראָגן טאָג און נאַכט, און געוואַרט בלויז אַף דער געלעגנהייט אויסצודריקן עס אַפן פּאַפּיר.

פון דער סטרוקטור פון דעם ראָמאַן זעט מען די ברייטקייט פון דער טעמע. די צוויי הויפּט־פלאָגן פון שקלאַפעריי — דאָס צעברעכן די פאַמיליע און די פאַרפאַלגונג פון די אַנטלאָפענע שקלאַפן — ווערן געשילדערט מיט איינדרוקספולע דרייסטע שטריכן. דער הויפּט־פונקט איז דער פאַרפאַלגטער שקלאַף. צו אים ווייזט הערייעט סטאָו אַרויס אירע וואַרעמסטע געפילן. אירע שילדערונגען זיינען אַזוי געטריי דער ווירקלעכקייט, אַז זי רופט אַרויס די זעלביקע געפילן צום נעגער באַ דער גאַנצער וועלט.

אירע טיפן פאַרן בוך האָט זי גענומען פון ווירקלעכן לעבן. אָנקל טאָמס ערנהאַפטיקייט און לאָיאַליטעט זיינען געווען כאַראַקטער־שטריכן פון איינעם אַ שקלאַף, וועלכן זי האָט פערזענלעך געקאָנט. ער איז געווען אַזוי ערלעך, אַז ער האָט ניט געוואָלט אַנטלויפן פון באַלעבאָס, ווייל ער האָט פאַרשפּראָכן ניט צו אַנטלויפן. „טאָפּסי" איז געווען אַ שילערין באַ איר אין זונטיק־שול. טאָפּסין האָט מען אַמאָל געפרעגט צי זי ווייסט ווי זי איז געקומען אַף דער וועלט, ווער עס האָט איר באַשאַפן. „קיינער ניט" — איז געווען איר ענטפער — „איך בין אַזוי געוואָקסן". איר אייגענע דערפאַרונג פון אומגליקלעכע נעגערס האָט צוגעגעבן דער גאַנצער דערציילונג אַ געוויסע אינטימיטעט. כמעט באַם

פֿאַרענדיקן האָט אַ פֿאַרלאַג אין באָסטאָן פֿאַרגעשלאָגן צו דרוקן עס אין אַ בוך־פֿאָרם.

אַף אַזאַ אופֿן איז טאַקע באַלד דערשינען דאָס בוך. די שרייבערין גופֿא האָט געצווייפֿלט צי זי וועט געפֿינען לייענער פֿאַר איר בוך. די טעמע איז דעמאָלט געווען גאָר ניט קיין פּאָפּולערע. אָבער צום ערשטן טאָג זיינען שוין פֿאַרקויפֿט געוואָרן דריי טויזנט עקזעמפּלאַרן. אין די וייטערדיקע טעג זיינען פֿאַרקויפֿט געוואָרן 10 טויזנט ביכער, און דורכן ערשטן יאָר — דריי הונדערט טויזנט!

דער זשורנאַל, וואו זי האָט דאָס צום ערשטן געדרוקט, האָט איר געגעבן פֿאַרן מאַנוסקריפּט 300 דאָלאַר. אָבער דער טשעק פֿאַר איר ערשטן מאָנאַט „ראָיאַלטיס" איז געווען 10 טויזנט דאָלאַר. מען האָט דאָס בוך איבערגעזעצט אין 20 פֿאַרשיידענע שפּראַכן. אין ענגלאַנד אַליין זיינען דערשינען פֿערציק אויסגאַבן. וואָס פֿאַר אַ באַלוינונג דאָס האָט געמיינט פֿאַר דער מידער, איבערגעאַרבעטער פֿרוי, צו האָבן גענוג געלט פֿאַר אירע טעגלעכע אויסגאַבן און זיין אימשטאַנד זיך צו באַפֿרייען פֿון דער לאַנגיאָריקער אָרעמקייט!

כאָטש דאָס בוך „אַנקל טאָמס קעבין" איז געשריבן מיט אַ געוויסן צוועק, געבויט אַף אַ פּרינציפּ פֿון באַפֿרייען די שקלאַפֿן, איז דאָס אָבער הויפּטזעכלעך די אַרבעט פֿון אַ פֿרויס געפֿילן, איר האַרץ.

דזשאָרדזש סענד, די באַוואוסטע פֿראַנצויזישע שרייבערין, האָט אַמאָל וועגן דעם בוך געשריבן:

„צו די, וואָס קריטיקירן דאָס בוך, וואָלט איך געזאָגט: „קוקט זיך בעסער צו צו די פּנימער פֿון די, וואָס לייענען דאָס בוך און זעט, צי זייערע אויגן בלייבן טרוקן, ווען זיי לייענען קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל. דער אינהאַלט פֿון גאַנצן בוך קען איבערגעגעבן ווערן אין אַ פּאָר ווערטער, אַ פּאָר בילדער: אינעם לעבן און טויט פֿון אַ קליין מיידעלע און אַ נעגער, אַ שקלאַף. דאָס איז די גאַנצע געשיכטע — דאָס גאַנצע בוך. די ליבע וואָס פֿאַראייניקט די צוויי — דאָס קינד און שקלאַף — איז די איינציקע ליבעס געשיכטע. און דאָך האָט דאָס בוך אַזאַ דערפֿאָלג, אַז עס איז שווער צו גלויבן."

מ'האָט דאָס בוך גלייך דראַמאַטיזירט, זעקס לאָנדאָנער טעאַטערס האָבן דאָס געשפּילט אין איין צייט און אַלע זיינען געווען איבערגע־פּאַקטע. מען האָט דאָס בוך קריטיקירט, אַנווייזנדיק, אַז דאָס איז ניט קיין קונסט־ווערק. אָבער אפֿילו די שטעכיקסטע קריטיקער האָבן גע־מוזט צוגעבן, אַז דאָס איז אַן אמת בילד פֿון שקלאַפֿעריי. דער מאַסן־לייענער האָט דאָס בוך אויפֿגענומען מיט באַגייסטערונג. עס איז געווען איינער פֿון די גרעסטע דערפֿאָלגן אין דער געשיכטע פֿון ליטעראַטור, שוין ניט גערעדט וועגן דעם העכערן מאָראַלישן דערפֿאָלג.

דער איינדרוק פונעם בוך איז געווען אַ גוואַלטיקער. די לופט איז אַזוי אויך געווען פול מיט עלעקטריציטעט. אָבער נאָכדעם ווי מען האָט געלייענט דאָס בוך איז שוין געווען אוממעגלעך דורכצופירן דעם „פיודזשיטיוו עקט" צו פאַרפאָלגן נעגערס, וואָס זיינען אַנטלאָפן זוכן פרייהייט. אין אַלע צפון־שטאַטן איז ניט געווען קיין איינער, וואָס האָט נאָר געקאָנט אַביסל לייענען, וואָס זאָל ניט האָבן געלייענט „אַנקל טאָמס קעבין". יעדערער וואָס האָט נאָר דאָס בוך אָנגעהויבן האָט ניט געקאָנט עס אָוועקלייגן ביז ער האָט עס ניט פאַרענדיקט. קיינער האָט ניט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק צו דער שקלאַפן־פראַגע. מען האָט הערייעט סטאָו פאַרוואָרפן מיט בריוו פון אַלע טיילן לאַנד, אויסדריקנ־דיק צו איר ליבע און סימפּאַטיע. דעם האָס צו די אונטערדריקער, און סימפּאַטיע צו די אומגליקלעכע שקלאַפן, וואָס זי האָט אַלע יאָרן געפילט, האָט זי איבערגעגעבן דורך איר בוך צו די לייענער.

דערפאַר איז די סאָוט, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, אויפגעשטאַנען קעגן הערייעט ביטשער סטאָו. די טעגלעכע צייטונגען האָבן געהאַט גאַנצע זייטן מיט זידלערייען און רכילות קעגן איר. זי האָט אויך גע־קראָגן טויזנטער בריוו פול מיט גאַל און באַליידיקונגען. אָבער דאָס האָט גאַנץ ווייניק געשאַדט דער פּאָפּולאַריטעט פונעם בוך, ווייל דאָס בוך האָט אויפגעדעקט אַ גרויסע וואונד און האָט געוועקט דעם מאָראַלישן געפיל פון אַמעריקאַנעם פאָלק. מענטשן וואָס זיינען פאַר דעם געווען גלייכגילטיק, האָבן איצט אָנגעפאַנגען האָסן די גאַנצע שקלאַפן־סיסטעם. פּאָליטישנס אין קאָנגרעס האָבן זיך געשראָקן פאַר דער גרויסער געפאַר פון אַ בירגער־קריג.

דאָס בוך איז אַלזאָ געווען דער אָנפאַנג פון אַן ענדע — שקלאַפעריי. קיינער האָט ניט בייגעטראָגן אַזוי פיל זי אָפּצושאַפן ווי הערייעט ביטשער סטאָו. מיטאַמאָל איז זי געוואָרן די באַרימטסטע פרוי אין דער וועלט. ווען זי איז געפאָרן קיין וואַשינגטאָן, באַלד ווי דער ביר־גער־קריג האָט אויסגעבראָכן, האָט לינקאָלן אויסגערופן, ווען מען האָט אים פאָר איר פאָרגעשטעלט: „וואָס, דאָס זייט א י ר, די קליינע פרוי, וואָס האָט פאַראורזאַכט אַזאַ גרויסן קריג?" נאָכדעם האָט ער זי אָפּגעפירט אין אַ ווינקל און אַ שטונדע לאַנג זיך אונטערגע־האַלטן מיט איר.

ווען מען האָט איר איינגעלאַדן קיין ענגלאַנד, האָט זי דאָרטן געקראָגן אַזאַ אויפנאַמע, וואָס זי האָט איר גאַנצן לעבן ניט געקאָנט פאַרגעסן. מענטשן פלעגן שטיין אין די טירן, כדי צו כאַפּן אַ קוק ווי זי זעט אויס. קינדער פלעגן נאָכלויפן נאָך איר קאַרעטע און באַוואַרפן זי מיט בלומען. מען האָט אָפּגעהאַלטן אומצאָליקע מיטינגען, באַנקעטן און דעמאָנסטראַציעס, אויסדריקנדיק צו איר סימפּאַטיע.

ווען זי האָט זיך אומגעקערט קיין אַמעריקע, האָט זי פאָרגעזעצט איר שרייבן. זי האָט אָנגעשריבן אַ צווייטן בוך וועגן דער זעלביקער טעמע מיטן נאָמען „דרעד". די קריטיקער האָבן דאָס בוך זייער געלויבט, אפילו אַלס אַ בעסערן ווי „אַנקל טאָמס קעבין", דער אַלגעמיינער דערפאָלג פון בוך איז אָבער געווען אַ פיל קלענערער.

מיט איר גאַנצן פייער האָט זי זיך אָפּגעגעבן דער אַרבעט, ווען עס איז געקומען דער שווערער קריזיס־יאָר פון 1861. זי האָט געהאַסט קריג, דאָך האָט זי געגלויבט, אַז מען מוז אויסברענען מיט אַ הייסן אייזן די פּלאָג — שקלאַפעריי.

איר אייגענער זון איז געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָט זיך פאַרשריבן אַלס פרייוויליקער, ווען דער רוף פון לינקאָלן איז געקומען. זי האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט פאַר די אַבאָליציאָניסטן. זי האָט אַרויסגעלאָזן אַ רוף צו די אַמעריקאַנער פרויען, בעטנדיק זיי, זיי זאָלן העלפן אָפּשאַפן די שקלאַפן־סיסטעם. ווען אַ שטאַרקע פּאַרטיי האָט זיך אָרגאַניזירט אין ענגלאַנד צו העלפן די דרומדיקע פּלאַנטאַטאָרס אָנצוהאַלטן שקלאַפעריי, האָט זי געשיקט אַן אַפּיל צו די פרויען פון ענגלאַנד. דאָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אַף דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אין ענגלאַנד. טויזנטער רעזאָלוציעס זיינען אָנגענומען געוואָרן פאַר אָפּשאַפן שקלאַפעריי אין אַמעריקע.

אין דער צייט פון איבערבויען דאָס לאַנד (רעקאָנסטראַקשאָן), באַלד נאָכן בירגער־קריג, האָט זיך הערריעט ביטשער סטאָו אָפּגעגעבן מיט פאַרזיכערן פולע רעכט פאַר די באַפרייטע נעגערס. אַזוי ווי זי האָט צוליב איר געזונט געלעבט ווינטער אין פלאָרידע און זומער אין קאָנעטיקוט, פלעגט זי אַרבעטן אי אין דער סאָוט און אי אין דער נאָרט, העלפנדיק אויפקלערן און בילדן די נעגערס, וועלכע זי האָט געהאָלפן באַפרייען.

זי האָט נאָך געשריבן פיל יאָרן. אָבער פון די 30 אָנגעשריבענע ביכער האָט קיינער ניט געהאַט דעם דערפאָלג, וואָס „אַנקל טאָמס קעבין".

מען האָט געקאָנט דענקען, אַז נאָך אַזאַ גוואַלטיקן דערפאָלג וועט די שרייבערין ווערן שטאָלץ באַ זיך, וועט פאַררייסן די נאָז. אָבער ניין. זי איז געבליבן דער זעלביקער אויפריכטיקער, באַשיידענער מענטש, וואָס זי איז געווען איר גאַנץ לעבן.

מוטער דזשאָונס

מוטער דזשאָונס איז איינע פון די מערקווירדיקסטע פיגורן אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. זי האָט קיינמאָל ניט געהאַט גענוג צייט און אויך ניט די גייסטיקע קענטעניש צו שטודירן לאַנג און טיף פאַרשיידענע באַוועגונגען, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט אַנדערע אַרבעטער־פירער. זי איז אָבער באַזעסן די קראַפט פון באַגייסטערן די מאַסן און באַאיינפלוסן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג דורך איר רעדנער־קראַפט און האַנדלונג.

אין איר גאַנצער קאַריערע אַלס אַרבעטער־פירערין איז מוטער דזשאָונס קיינמאָל ניט געלאָפן פון געפאַרן. זי איז אַלעמאָל געווען אויפן פלאַץ, מיט איר אַנטשלאָסנקייט און האַנדלונג.

כמעט איר גאַנץ לעבן האָט מוטער דזשאָונס אָפּגעגעבן די מאַיינערס. זייער שווער לעבן, די אַרבעט אין די טיפע גרובן, שוואַרצע הײלן, די ביליקע היימען, די שטענדיקע געפאַר ניט אַרויסצוקומען צוריק לעבעדיק פון גרוב, דער אייביקער קאַמף פאַר אַ פאַר סענט שכירות — דאָס אַלץ האָט צוגעצויגן די קעמפערין מער, ווי וועלכער ניט איז אַנדער צווייג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

די שווערסטע קאַמפן זיינען אין אַמעריקע דורכגעפירט געוואָרן פון די מיינערס. די קאַמפן האָבן אָפט געפירט דעם מאַינער און זיין פאַמיליע צו הונגער און נויט, צו קראַנקהייט, היימלאָזיקייט און וואַנדערונגען. די קאַמפן האָבן געפירט צו צוזאַמענשטויסן מיט פּאָליציי, מיט געריכט און סאָלדאַטן; זיי האָבן געפירט צו לאַנגע אַרעסטן, בלוט־באָדן און צו נייע קאַמפן אָן אַ ענד.

אין אַט די אַלע קאַמפן איז מוטער דזשאָונס געקומען מיט איר הילף אין וואָרט און טאַט. באַטאָג, באַנאַכט, אין אָרעמע הייזלעך, אָדער פאַרוואָרפענע דערפלעך, וואו עס האָט נאָר געהערשט נויט, איז זי געווען באַ דער זייט פון די געקריוודעטע און נויטבאַדערפטיקע.

מערי דזשאָונס איז געבאָרן געוואָרן אין 1830, אין אירלאַנד. אירע עלטערן זיינען געווען אָרעם. ווען זי איז אַלט געווען 5 יאָר זיינען זיי געקומען קיין אַמעריקע. שפּעטער האָט זיך די פאַמיליע באַזעצט אין טאָראָנטאָ (קאַנאַדע).

מערי האָט זיך געגרייט ווערן אַ לערערין און האָט באַזוכט נאָרמאָל סקול. דאָרט האָט זי זיך אויך געלערנט נייען. זי האָט אָנגעהאַלטן איר פּראָפעסיע אַלס לערערין בלויז אַ קורצע צייט. איר איז בעסער

געפעלן געווען שניידעריי, ווי לערעריי. זי האָט שפּעטער געמאַכט אַ לעבן פון נייען.

זי האָט געהייראַט און געהאַט דריי קינדער. אין מעמפיס, טענעסי, וואו זי האָט געוואוינט, האָט אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון געלן פי־בער. איר גאַנצע פאַמיליע איז פון דעם געשטאָרבן.

ווען זי האָט פאַרלאָרן איר מאַן און די קינדער, האָט זי פאַרלאָזן מעמפיס און איז אַוועק קיין שיקאַגאָ. דאָרט האָט זי צוזאַמען מיט אַ שותף געעפנט אַ שניידעריי. דאָס האָט זי אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. אין 1865 באַקאַנט זי זיך מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג און באַשליסט צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין קאַמף אויסצובעסערן די לעבנס־ און אַרבעטס־באַדינגונגען פון די אַרבעטער.

צו יענער צייט האָבן אַ גרופּע אַרבעטער באַשלאָסן אויסצואַרבעטן אַ פּראָגראַם צו באַקעמפן די בּרוטאַלע אינדוסטריעלע שקלאַפעריי. דער אַרבעטס־טאָג איז געווען זייער אַ לאַנגער. דער אַרבעטס־לוין זייער אַ קלאָגעדיקער. דער „סוועט־שאַפּ" איז געווען אין פולן גאַנג. מוטער דזשאָונס האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער באַוועגונג, וואָס האָט זיך גע־שטעלט אַלס אויפגאַבע אָפּצושאַפן די שווערע באַדינגונגען. פון דער דאָזיקער באַוועגונג האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט די „נייטס אָוו לייבאָר".

זי האָט אויך אָנטיילגענומען אין דעם באַן־סטרייק פון דער באַל־טימאָר־אָהייאָ אייזנבאַן אין די 70ער יאָרן, איינער פון די פאַרביסנ־סטע סטרייקס פון פאַריקן יאָרהונדערט.

דאָס איז פאָרגעקומען אין יענע יאָרן, ווען די אַמעריקאַנער אינ־דוסטריע איז נאָך געווען גאָר יונג. צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון פאַבריקן און אייזנבאַנען, מיטן וואוקס פון פּריוואַט־קאַפּיטאַל, זיינען אויך געקומען געזעצן קעגן אַרבעטער. די אַרבעטער האָבן דערויף געענטפערט מיט סטרייקס. די אַרבעטער האָבן זיך גענומען איבער־צייגן, אַז געזעצן אין אַ קאַפּיטאַליסטישן שטאַט ווערן מערסטנס גע־שאַפן פאַר דער טובה פון די קאַפּיטאַליסטן און קעגן די אַרבעטער.

ווען מוטער דזשאָונס איז אַלט געוואָרן 50 יאָר, איז זי שוין געווען אַן אָנגעזעענע פיגור אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אין אַלע גרויסע אינדוסטריעלע צענטערן זיינען אַרבעטער געווען אומצופרידן. די גוואַל־טיק־גרויסע עמיגראַציע פון אייראָפּע האָט אָנגעפילט דעם אַרבעטער־מאַרק מיט ביליקע אַרבעטס־הענט, האָט אַרונטערגעדריקט שכירות און דעם גאַנצן לעבנס־סטאַנדאַרט. איבער גאַנץ אַמעריקע איז אין 1880 געווען אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט — הונגער, אָרעמקייט און פאַר־צווייפלונג.

אין שטאָט שיקאַגאָ האָבן זיך אָפּגעשפּילט גרויסע סטרייקס, באַי־

מוטער דזשאָונס

קאַטן און ראַיאַטן. דאָס אַלץ איז ברוטאַל אונטערדריקט געוואָרן פון דער פּאָליציי. די אַרבעטער האָבן אָנגעפאַנגען אַן אַגיטאַציע פאַר דעם 8־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג. די טרייד־יוניאַנס און די „נייטס אָוו ליי־באָר" האָבן דאָס גוטגעהייסן און געשטיצט.

די פירער פון דער באַוועגונג פאַר אַן 8־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג זיינען געווען ניט קיין אַמעריקאַנער־געבאָרענע אַרבעטער, נאָר אָנגעקומענע פון איראָפּע, דערהויפּט פון דייטשלאַנד, צווישן זיי אויך אַ גרופּע אַנאַרכיסטן.

די באַלעבאַטים האָבן געפירט אַן אַטאַקע קעגן די אַרבעטער. זיי האָבן געוואָלט פּטור ווערן פון דעם 8־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג. יעדן איינעם, וואָס האָט געגלויבט אין דעם 8־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג האָבן די באַסעס באַטראַכט פאַר אַן אַנאַרכיסט. די שטאָט שיקאַגאָ איז צעטיילט געוואָרן אַף צוויי פיינטלעכע לאַגערן: פון איין זייט די אַרבעטער־מאַסן — הונגעריקע, אַרבעטסלאָזע, פאַרפּראַרענע — פון דער אַנדערער זייט, די באַסעס, די פּאָליציי מיט זייערע קלאַבס.

אַזוי האָט אָנגעהאַלטן אַ שטיק צייט. עס איז געקומען דער ווינטער 1886. יענער ווינטער, דערציילט מוטער דזשאָונס, איז געווען אַ ביטערער, אַ קאַלטער, די „ברויט־ליינס" זיינען געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. די זופּ־קיכן האָבן ניט געקאָנט זעטיקן אַלע אַרבעטסלאָזע. אָפּגעריסענע, אין שמאַטעס, מיט לעכערדיקע שיך, האָבן זיי זיך אַרום קריסמעס געלאָזן אין אַ פּאַראַד אַף דער רייכער פּרעירי עוועניו, וואו די באַלעבאַטים האָבן געוואוינט, טראָגנדיק אַ שוואַרצע פאָן און זינגענדיק אַרבעטער־לידער.

אָט דער פּאַראַד האָט נאָך מער פאַרשאַרפט די באַציאונג צווישן ביידע צדדים. די שוואַרצע פאָן האָט אָנגעיאָגט אַ שרעק אַף די באַלעבאַטים.

דעם 4טן מאַי, 1886, האָבן די אַרבעטער אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג אַף היימאַרקעט־סקווער. ניט ווייט פון דאָרטן איז געווען דער פּאָליס־סטיישאָן. צו דעם מיטינג האָט מען געשיקט פּאָליציי אַף פערד צו צעטרייבן דעם מיטינג. אין דער צייט וואָס דער רעדנער — אַן אַנאַרכיסט — האָט גערעדט, האָט אימיצער געוואָרפן אַ באָמבע פון אַ פענצטער און עטלעכע פּאָליסלייט זיינען דערהרגעט געוואָרן.

די שטאָט איז מיטאַמאָל געוואָרן ווי משוגע. אַלע פינף מינוט פלעגט אימיצער געפינען אַ „באָמבע". הונדערטער זיינען אַרעסטירט געוואָרן, אָבער בלויז די וואָס האָבן אַגיטירט פאַר דעם 8־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג האָט מען געמשפּט. דער, אָבער, וואָס האָט אין דער ווירקלעכקייט געוואָרפן די באָמבע, איז קיינמאָל ניט געמשפּט געוואָרן.

די קעמפער פאַר דעם 8־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג האָט מען אויפגעהאַנגען.

אין דעם דאָזיקן קאַמף פאַרן 8־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג האָט אויך מוטער דזשאָונס גענומען אַ טעטיקן אָנטייל.

אין 1891 האָט מען זי אַרעסטירט אין אַ סטרייק אין ווירדזשיניע. מען האָט זי געמשפּט און פרייגעשפּראָכן. אין 1893 באַשליסט אַ גרופּע אַרבעטער צוזאַמען מיט איר אַרויסצוגעבן אַ צייטונג. אָן געלט און כמעט אָן צייטונגס־מענטשן, האָבן זיי גענומען אַרויסגעבן די וואָכן־צייטונג „אַפּיל טו ריזאָן". מוטער דזשאָונס איז אַוועק איבער די שטעט אַגיטירן פאַר דער צייטונג און קלייבן סובסקרייבער. די צייטונג האָט אָבער לאַנג ניט געלעבט, עס האָבן זיך אָנגעהויבן רייסערייען צווישן די מיטאַרבעטער און די צייטונג איז דערפון אונטערגעגאַנגען.

אין 1899 אָרגאַניזירט מוטער דזשאָונס די קוילן־גרעבער אין פּענסילווייניע. אין איין פּלאַץ האָבן די אַרבעטער געסטרייקט. מען האָט געבראַכט סקעבס. די אַרבעטער האָבן געזוכט מיטלען ווי פּטור צו ווערן פון די סקעבס. זיי האָבן אָבער קיין עצה ניט געקאָנט געפינען. מוטער דזשאָונס האָט באַשלאָסן פּטור צו ווערן פון די סקעבס אויף איר אופן. זי האָט באַפוילן די מיינער צו פאַרבלייבן אין הויז מיט די קינדער. די פרויען האָט זי אָנגעזאָגט זיך צו פאַרזאַמלען אין איין פּלאַץ.

אַ געוויסן טאָג האָט זי געהייסן די פרויען ברענגען די „מאָפּס" און בעזימער מיט זיך. זי האָט אויסגעקליבן אַן איירישע גרויס־געוויקסיקע פרוי צו זיין די פירערין קעגן די סקעבס. די איירישע פרוי איז יענעם מאָרגן געשלאָפן שפּעט און ניט געהאַט גענוג צייט ווי געהעריק זיך אָנצוטאָן. ווען זי האָט דערהערט דעם רוף פון מוטער דזשאָונס, האָט זי אין איילעניש אַרויפגעכאַפּט אויף זיך אַ רויט אונטער־קלייד, איבער אַ שווער וואַטענעם נאַכט־העמד. דערצו איז זי אַליין געווען מיט רויטע האָר, האָט זי נאָך אָנגעטאָן אַ רויטע שאַל אויפן קאָפּ. אויף די פיס האָט זי געטראָגן איינעם — אַ שוואַרצן זאָק — אַ צווייטן — אַ ווייסן. איר פּנים איז געווען רויט, אירע אויגן בייז. אָט די פרוי האָט דאָס געפירט די ווייבערשע אַרמיי. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ פּרעגל־פאַן, אין דער צווייטער — אַ האַמער. ווען די סקעבס פלעגן זיך באַווייזן מיט זייערע פערד, פלעגט די פרוי אָנהויבן קלאַפּן מיטן האַמער אין פּרעגל־פאַן און שרייען אויפן הויכן קול: „צום טייוול, דו, מיט דעם פערד!" די איבעריקע פרויען פלעגן איר אונטערכאַפּן און אויך שרייען דאָס זעלביקע.

די סקעבס האָבן זיך אויף אַזאַ אויפנאַמע ניט געריכט. זיי האָבן זיך דערשראָקן און אַנטלאָפן וואו דער פעפער וואַקסט.

איינמאָל האָט אין שטעטל, וואו די מיינער האָבן געוואוינט, גע־דאַרפט פאָרקומען אַ מיטינג. מען האָט אָבער ניט געלאָזט פאַרשפּרייטן קיין ליפלעטס וועגן מיטינג. די „קאָנסאָלידייטעד קוילן־קאָמפּאַניע" פלעגט יעדן איינעם אַרעסטירן. מוטער דזשאָונס איז איינגעפאַלן אַזאַ זאַך: אייניקע שטונדן פאַרן מיטינג האָט זי געהייסן איין מאַינער זיך פאַרשטעלן פאַר אַ טויבן. דער צווייטער האָט ניט אויפגעהערט שרייען דעם „טויבן" אין אויער אַריין: „האָסט געהערט, מוטער דזשאָונס גייט האָבן אַ מיטינג זונטיק נאָך מיטאָג". דאַן פלעגט דער „טויבער" איבערפרעגן, וואָס יענער האָט געזאָגט. יענער פלעגט ווי־דערהאָלן און ווייטער שרייען דאָס זעלביקע. אַזוי האָבן זיי באַקאַנט געמאַכט דעם מיטינג צו אַ גרויסן עולם.

רעאַגירנדיק אויף אַלע פאַזן פון אַרבעטער־לעבן, האָט מוטער דזשאָונס געמוזט ווענדן איר בליק צו דער קללה — קינדער־אַר־בעט. כדי דאָס גענויער אויסצופאָרשן האָט זי זיך פאַרדונגען אין אַ טעקסטיל־פאַבריק, וואו קינדער האָבן געאַרבעט. און זי דערציילט:

„פינף דרייסיק אינדערפרי גייען די קינדער צוריק אַהיים פון דער פאַבריק. זיי ציען זיך אין לאַנגע גרויע רייען. אין דרויסן זינגען פייגעלעך, די לופט איז קלאָר, דער הימל בלוי. די קינדער אָבער הערן ניט און פילן גאָרניט. דאָס רייסן זיי זיך אַהיים שלאָפן. שלאָף איז פאַר זיי אַלץ: שפּיל, עסן, פאַרברענגען. ווען זיי ווערן אַנטשלאָפן באַ דער אַרבעט, קומט דער פאָרמאַן, מיט אַן עמער קאַלטן וואַסער און שפּריצט זיי אָפּ מיט אַ קאַלטן אָפּגוס... אַט אַזוי אַרבעטן קינדער פון 6 אין אָוונט ביז 6 אין דער פרי פאַר 10 סענט אַ שעה."

די קינדער שטאַרבן פון לונגען־אַנטצינדונג, פון בראָנכיט, פון שווינדזוכט. זי פרעגט: „ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַזאַ צו־שטאַנד, פאַר אַזאַ שווידערלעכער קינדער־שקלאַפעריי?" און זי ענט־פערט:

„יעדער איינער פון אונדז."

דערפאַר יאָגן זיך באַלעבאַטים נאָך קינדער־אַרבעטער, ווייל קינ־דער זיינען אונטערטעניק, סטרייקן ניט, פּראָטעסטירן ניט; וואָס מען זאָל זיי ניט טאָן, ווי מען זאָל זיי ניט באַהאַנדלען. דערהויפּט איז קינ־דער־שקלאַפעריי שטאַרק פאַרשפּרייט אין דער סאַוט. וואָכן־לאַנג, דער־ציילט מוטער דזשאָונס, האָט זי ניט געקאָנט עסן, ווען זי פלעגט זיך נאָר דערמאָנען אָן דער שרעקלעכער לאַגע פון קינדער־אַרבעטער.

„קליינע מיידעלעך, באָרוועסע, פלעגן גיין אַרויף און אַראָפּ צווישן ענדלאָזע רייען וועב־שטולן, דערגרייכנדיק מיט זייערע קליינע הענטע־לעך די צעריסענע פעדעם און פאַרקניפּנדיק זיי. די מיידעלעך פלעגן אַרונטערקריכן אונטער די מאַשינען און זיי אוילן. זיי פלעגן אַריינ־

שטעלן נייע שפּינדלעך, אָנשטאָט די אַלטע, אַזוי דעם גאַנצן טאָג, אַזוי די גאַנצע נאַכט. קליינע קינדער, 6־יאָריקע, מיט פּנימער פון זעכציק־יאָריקע זקנים, צוועלף שעה אַרבעט אַ טאָג.״

מוטער דזשאָונס האָט איר גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן פאַר די אַרבעטער. זי איז געווען אַ גרויסער אָפּטימיסט און געגלויבט, אַז דער אַרבעטער גייט פאָראויס, ניט געקוקט אַף די אונטערדריקער, פאַרקויפטע, פאַררעטערישע פירער, און אַף דער אונטערשאַצונג פונעם אַרבעטערס אייגענע כוחות. זי האָט אָבער שטאַרק געהאַלטן פון אינדיווידועלער אַקציע. זי איז געווען אַ פרייער פויגל און ניט קיין שטענדיקער בויער פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. זי איז אויך ניט אַלע מאָל געווען קלאָר אין די אישוס פון קלאַסן־קאַמף. אין אירע לעצטע יאָרן האָט זי געדענקט, אַז אַרבעט און קאַפּיטאַל קאָנען זיך איבערבעטן און האַרמאָנירן, ניט באַקעמפן איינער דעם צווייטן. זי האָט געגומען גלויבן, אַז מען דאַרף דעם קאַפּיטאַליזם לאָזן טאָן דאָס זייניקע, דערפילן זיין מיסיע. און אויב ענדערונגען דאַרפן קומען, זאָלן זיי קומען אַף אַ פרידלעכן אופן, דורך אַנטוויקלונג, אָן בלוט־פאַרגיסונג און אָן קאַמף. זי האָט אַזוי ניט געגלויבט ווען זי איז אינגער געווען...

צוליב איר געענדערטער שטעלונג צום קלאַסן־קאַמף איז איר איינפלוס צווישן די אַרבעטער, דערהויפט די לעצטע יאָרן, געווען ניט אַזוי שטאַרק, אַזוי אויסגעשפּראָכן ווי דער איינפלוס פון מוטער בלור, וועלכע איז אָן אַן אויפהער אַקטיוו אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג פאַר די לעצטע 40 יאָר.

מוטער דזשאָונס איז געשטאָרבן אין 1930, אין עלטער פון נאָענט צו 100 יאָר. מען האָט זי באַערדיקט צווישן די מאַינער אין מאָונט אליוו סעמעטערי, פענסילווייניע. די מענער און פרויען, פאַר וועמען זי האָט איר גאַנץ לעבן געקעמפט, האָבן איר געשטעלט אַ מצבה — אַ מאָנומענט, וואָס איז פּאַסיק פאַר אַזאַ אומדערמידלעכער קעמפערין.